NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13098

KINDER-LIDER

Isaac Leib Peretz

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.



י. ל. פּערעץ

קינדער-לידער



פאַרלאַג „עמעס", מאָסקווע 1937

י. ל. פּערעץ

קינדער-לידער

1/17686

פאַרלאַג „עמעס" ★ מאָסקווע 1937

Printed in Soviet

צייכענונגען, שבוץ־טיטלען און פּאָרזאַץ —

אלעקסאנדער קאָראָטקין

פון פארלאג

אין דער דאָזיקער זאמלונג האָבן מיר אײַנגעשלאָסן דעם גרעסטן טייל פון י. ל. פערעצעס קינדער־לידער.

די טעקסטן פון די לידער זײַנען אין גרונט אײַנגעהיט געוואָרן לויטן אָריגינאל. בלויז אין אייניקע פון זיי זײַנען ארײַנגעטראָגן געוואָרן קליינע רעדאקציאָנעלע ענדערונגען, קעדיי צו מאכן זיי פארשטענדלעך פאר אונדזערע סאָוועטישע קינדער.



פיר צײַטן

פון יאָר



פרילינג

1

דער פרילינג איז געקומענ!
נעמט דעם פרילינג אופ.
מיט א ליד דעם ליבנ גאסט,
טיר אונ פענצטער מאכט אים אופ!
קלינג־קלאנג אינ דער לופט,
אונ פונ בלימעלעכ דער דופט!

2

גראָזנ שפּראָצנ, ס׳שפּראָצנ בלומענ,
פייגל פּיפּצנ, טויבנ ברומענ,
ס׳קלינגט דאָס וואסערל דערפרייט:
פרילינג־צייט! פרילינג־צייט!
עס קלינגט אונ זינגט, פלוישט אונ ברומט:
פרילינג קומט, פרילינג קומט!

פרילינג קומט אפ אלע וועגן, —
לויפט דעם ליבן גאַסט אנטקעגן!
לויפט צום וואַלד, לויפט צום פעלד,
אומעטום א פרײַע וועלט!
עס קלינגט און זינגט, פלױשט און ברומט:
פרילינג קומט, פרילינג קומט!

אינעמ פרישנ גרינעמ מײַ...

אינעמ פרישנ גרינעמ מײַ,
אײנס־צװײ! אײנס־צװײַ!
מיר מארשירנ טריט בא טריט!
די קעפ ארופ, די בליקנ פעסט!
אונ די ברוסט ארויסגעפרעסט!
מיר פאָרכטנ זיכ פאר קײנעמ ניט.

דעמ רעכטנ פוס, דעמ לינקנ פוס,
װער באגעגנט, מײַדנ מוז!
פעסטע ברײטע טריט געשטעלט!
אונ געטעטעמט טיפ אונ פרײַ
אינעמ פרישנ גרינעמ מײַ!
אונדזער איז די פרײַע װעלט!

דער פויגל

אפ א בוים אין גרינעם וואלד
א וווּנדערלעכער פויגל שאלט:
טרא־לא־לא, טרא־לא־לא!

איז א ייִנגל צוגעלאָפן,
און דער פויגל איז אנטלאָפן,
טרא־לא־לא, טרא־לא־לא!

— וואָס אנטלויפסטו? — ס׳ייִנגל שרייַט. —
נישט געוואָלט דיר טאָן קיין לייד,
טרא־לא־לא, טרא־לא־לא!

כ׳בעט דיך, פויגל, פויגל, בלייַב!
און דער פויגל: איך נישט גלייב!
טרא־לא־לא, טרא־לא־לא!

קראַנצן פֿלעכטן

— ווילט איר זינגען, ווילט איר טאַנצן,
אָדער ווילט איר פֿלעכטן קראַנצן?
— יאָ, מיר ווילן פֿלעכטן קראַנצן
פֿאַר טאַטע, מאַמע, שוועסטער, ברידער...
— אַלזאָ, שטילער, אָן גערודער!
זעצט אײַך, קינדער, זעצט אַנידער!

נאַט אײַך בלומען גאַנצע בינטן:
רויזן, ליליען, היאַצינטן.
(ווײַזט אײנציקווײַז, די קינדער רופֿן אָן)
רויזן, ליליען, היאַצינטן!
ווילט איר פֿײַן די אַרבעט פֿירן,
מוזט איר אַלע דרײַ קאָלירן —
עס זאָל פּאַסן — האַרמאָנירן!

דער שיפער

ס׳האָט דער רעגן אופגעהערט,
דער הימל איז שוין אויסגעקלערט,
נאָר די דעכער זײַנען נאס,
רינען טײַכעלעך אין גאס,
רינען, רינען, רינען!

כ׳האָב מײַן שיפעלע געפונען,
אפן וואסער עס געלאָזט,
און עס קומט דער ווינט און בלאָזט,
יאָגט מײַן שיפעלע געשווינד
אפּ די פליגל פונעם ווינט. —

פלי דיר, פלי, מײַן שיפעלע!
און וווהין פליסטו, שיפעלע?
— צו דער פרײַער וועלט, אהין,
ווו ס׳איז ליכטיק, ווו ס׳איז גרין,
פויגל זינגט, בלימל בליט. —
— שיפל, שיפל, נעם מיך מיט!



שטייט א בארנבוימ

שטייט א בארנבוימ אינ סאָד,
טראָגט ער בארנ — ערדס גענאָד!
לויפנ קינד־אונ־קייט אהינ,
נאָר די בארנ זײַנענ גרינ!
ווער ס׳וויל בארנ,
דער מוז הארנ!
וועסט קיינ בוימל איבערשפּארנ!
אונ דאָס בארנבוימל זאָגט:
שלאָפנ גייט אײַכ ביז עס טאָגט!
דענ איר האָט נישט וואָס צו זאָרגנ,
כ׳מאכ זיי רויט אונ זאפטיק מאָרגנ!
ווער ס׳וויל בארנ,
דער מוז הארנ, —
ס׳וועט דאָס בוימל נישט גענארנ!
אוי, מײַנ קינד האָט בארנ האָלט,
מאָרגנ — בארעלעכ ווי גאָלד!
הער זשע, וואָס דאָס בוימל זאָגט,
רויִק שלאָפ דיר ביז עס טאָגט!
ווער ס׳וויל בארנ,
דער מוז הארנ, —
וועסט קײנ בוימל איבערשפּארנ!

האַרבסט

קאַלטע גראָע וואָלקנס ציִען,
און אַוועק פֿייגעלעך פֿליִען
צום ווײַטן לאַנד! אַהין, אַהין,
ווו ליכטיק, וואַרעם איז און גרין...
שטיל ווערט זײַן אַ זאַנג און קלאַנג,
פֿליט אײַך, פֿליט, נאָר נישט-אויף לאַנג!
אָן אונדז, קינדער, נישט פֿאַרגעסט!

און פֿאַרבײַ נאָר שניי און פֿראָסט,
אינעם זעלבן אויגנבליק
קומט צוריק, קומט צוריק!



אין שליטן צו די עסקימאָסן

— מאמע, מאמע, זײַ געזונט!
איך שליטל זיך אוועק!
ווו די וועלט נאָר האָט אן עק, —
צו די עסקימאָסן!

— און וואָס וועסטו דאָרטן טאָן?
— אײַ, וואָס דאָרטן טאָן איך וועל?
איך וועל קליידן זיך אין פעל,
טראָגן וואסער־שטיוול!

— אָבער, קינד מײַנס, דאָרט איז קאַלט!
דאָרט איז אייביק שניי און אײַז!
— שאט נישט, מאמעשי, איך ווייס!
איך מאך א שטיבל מיר פון שניי!

— עס איז פינצטער אָן א פענצטער!
— איך שיס א וואלפיש מיט א פײַל,
און נעם בא אים צום לעמפל אייל,
טאָג און נאכט דאָס לעמפל ברענט!

— וואָס וועסטו טאָן א גאנצן טאָג?
— ארבעט איז גענוג פאראן.
איך כאפ א רענטיר און איך שפאן
אין שליטל אײַן, און יאָג!

װינטער

א

קלאַפּנ, קלאַפּנ, קלאַפּנ,
פונ די דעכער אַפּ די צאַפּנ,
נאָר אינ מויל אַרײַנ נישט כאַפּנ!
װײַל עס איז דאָס אײַז נישט ריינ,
נישט געכאַפּט אינ מויל אַרײַנ!

ב

אפנ דארנ צװײַגעלע
װאָס שרײַסט אזוי, דו פויגעלע?
— כ׳בינ הונגעריק, כ׳בינ הונגעריק,
קיינ קערנדל אַפּ פּיקפּיקפּיק!

שפּרינג אראָפּ נאָר, שפּרינג אראָפּ,
מיטנ שנעבל זוכ אונ גראָב
דיר א קערנדל אינ שניי,
װאָס ער האָט באַהאַלטנ דיר געטריי!

ווינטער קלאפט אין טיר,
ווינטער פויקט אין פענצטער:
פיר ברידער זײַנען מיר,
איך — דער שענסטער!

און ער זינגט זײַן אייגן לויב:
ווינטער איבער אלע צײַטן!
ווער נאָך מאָלט אײַך אויס א שויב
מיט די זילבערנע קווייטן?

ווער מאכט ווײַס א שווארצן דאך?
ווער מיט פוך די ערד באשיצט?
איז נישט שניי א פײַנע זאך?
מיט בריליאנטן ווער נאָך בליצט?

עס גיט אמאָל דער ווינט א קוויטש, -
און עס ווערט א נעזל רויט!
אָדער ווער נאָך האָט א גליטש? —
דאָס קאָן טרייסטן אין א נויט!

די רייַב נאָר אויס דעם גליטש מיט שניי
און א גוטן שוסטער מאַך,
לערן דיך קונצן אלערליי,
ווי א פויגל פלי און לאַך!

און איז א יינגל נאָר נישט פייל,
איז דער שניי א גרויסע גאָב!
מאַכט א מענטשל, מאַכט א קויל,
מיט א שליטל באַרג־אַראָפּ!

ארבעט







דער סקולפּטאָר

איכ זיצ נישט לײדיק אינ דער הײמ.
האָב איכ צײַט נאָר, נעמ איכ לײמ,
קלעפּ איכ מיר א מײַזל אויס,
מאכ א פויגעלע דערויס,
פונ פויגעלע, נישט לאנג געטראכט,
ווערט א ציגעלע געמאכט,

כ'מאכ א מענטשעלע דערפונ!
אונ וואָס איכ וויל! אונ אפ דער זונ
טריקנ איכ מײַנ ארבעט אויס:
מענטש, אונ ציג, קאצ אונ מויז,
וואָס איכ זע נאָר אפ דער וועלט, —
אונ אינ פענצטער אויסגעשטעלט.

דער סטאָליער

ציש, צ·ש, ציש, —
דער סטאָליער מאכט א טיש!
ווי ער הובלט פײַנ און גלאַט,
און שוינ פארטיק איז דער בלאט!
ציר, ציר, ציר —
דער טאָקער אינ דער צווייטער טיר!
און ער אויכ נישט ליידיק זיצט,
מאכט די פיס, ווי אויסגעשניצט!
ציר, ציר, ציר, ציש, ציש, ציש —
פונ פיס און בלאט ווערט א טיש!



דער שמיד

איך האָב צו טאָן אין שמידערײַ,
און דו, בלאָזזאַק, שטײ מיר בײַ!
צי זיך אױס און צי זיך־אײַן,
אינעם פֿײַער פּאָך אַרײַן
און צעפֿלאַקער מיר די קױלן,
װײַל די קױלן איז באַפֿױלן,
מיר דאָס אײַזן צו צעגליִען,
כ׳זאָל פֿון אײַזן נעגל ציִען...
אָט איז דאָס אײַזן שױן צעהיצט
און אין צװאַנג בײַ מיר שױן זיצט,
און אַפֿן אַמבאָס ליגט עס שױן!
ציגדערט העלף מיר, האַמער־קרױן!

פֿאַלן זאָלן זעץ, װי האָגל!
גיב אַ נאָגל, נאָך אַ נאָגל!
און װאָס פֿאַרטיק, איז נאָך שלאָפּ, —
אַרײַן אין קאַלטן װאַסער־שאַפֿ!
ציש, ציש, ציש! צװײ, דרײַ מאָל,
און איז שטאַרק שױן, װי אַ שטאָל!

די וועשנ

ליאליע, ליאליע, נאָר נישט וויינ,
כ'לאָז דיכ א מינוט אליינ!
מיר זייַנענ אופגעשטאנענ שפּעט,
אונ איכ האָב צו וואשנ גרעט.

ווי לאנג, אז כ'האָב דיכ אויסגעפּוצט?
האָסטו אלעס שוינ פארשמוצט!
אי באמ טרינקענ אי באמ נאשנ,
מוז איכ וואשנ, וואשנ, וואשנ!
האָסט עס אָנגעשמוצט א ביסל,
קויטיק גרעט א פולע שיסל:
אי טיכעלעכ אי זעקעלעכ,
אונ העמדעלעכ, אונ יאקעלעכ...

דאָס איז ווייכ אונ יענצ איז שטייַפ —
דארפנ וועל איכ מאסנ זייפ!
כ'מוז די וועש נאָכ מאכנ נאסער,
קאָלזמאנ ס'איז נאָכ הייס דאָס וואסער,
גיסנ ווייַסעכצ פונ דער פלאש...
אונ איכ וואש, אונ איכ וואש!
אויסגעזייפט אונ אָפגעשווענקט
אונ אפ א שנירל אופגעהענגט,
ס'זאָל געשווינדער טרוקנ ווערנ!

זאָלסט מיר, ליאַליע, נאָר נישט שטערן!
וויל נישט טרינקען, וויל נישט עסן,
א רעגעלע אַן מיר פארגעסן, —
וועל איך פּרעסן, פּרעסן, פּרעסן!

דאָס גערטל

אוי, איכ וועל א פרייד דערלעבנ!
מיר אינ גאָרטנ אָפגעגעבנ
א בייט א גאנצע, שווארצע ערד,—
פויגעלעכ, איר הערט?

געאקערט דורכ האָב איכ די בייט
אונ מיט בלימלעכ אויסגעזייט,—
א בלימל נאָכ א בלימל שפראָצט,—
פויגעלעכ, איר גלאָצט?

בלעטלעכ זויבער איכ גענוי,
דער הימל — נישט געקארגט קיינ טוי,
וואקסנ בלימעלעכ, ווי גאָלד,—
איר האָט זיי האָלט?

שפרינגט אײַך, פויגעלעך, און היפּט,
נאָר קיין בלעטעלעך געציפּט!
קיין שאָדן ניט געמאַכט בא מיר,
פויגעלעך, קיין ריר!

לאָזט זיי בליִען, לאָזט זיי שמעקן,
אַניט, איר זעט, — כ׳האָב אַ שטעקן
און צעיאָג אײַך, אויב איר שטערט!
פויגעלעך, איר הערט?!

וויג-לידער



1

שטייט א בוימעלע אין פעלד,
האָט עס גרינע צווײַגעלעך...
שטייט דערויף א פויגעלע,
מאכט עס צו די אויגעלעך!

אף די גרינע צווײַגעלעך
וואקסט א גאָלדן עפּעלע!
מאכט צו מײַן קינד די אויגעלעך —
געזונט זאָל זײַן זײַן קעפּעלע!

2

שלאָף, מײַן קינדעלע, שלאָף!
דער פאסטעך פירט אהיים די שאָף!
ער האָט די שאָף אהיים געבראכט
און דאָס שטעלעכל פארמאכט...

נאָך א ביסל זאלץ געלעקט,
נאָך א ביסל שטיל געבלעקט...
לאמטערל ווארפט א שטילע שײַן,
און די שעפלעך דרימלען אײַן,

פון א גאנצן טאָג שוין מיד!
דו, אין דרויסן, הינטל, היט!
הינטל, היט, נאָר דו נישט ביל!
איך, שעפּעלע, שוין שלאָפן וויל!

3

קעצעלע, שטיל!
מײַזעלע, שטיל!
מײַן אויצערל
שוין שלאָפֿן וויל!

קעלבעלע, קעלבעלע,
נישט געמעקט,
און מײַן אויצערל
נישט געוועקט!

וויעווע נישט,
דו, ווינטעלע!
שטילער, שטילער,
הינטעלע!

אין מויל פֿאַרבײַס
דאָס צינגעלע, —
שלאָפֿן וויל
מײַן ייִנגעלע!



4

אפ די גרינע צווײַגעלעכ
שלאָפנ זאָלט איר, פויגעלעכ!
אינ וואסערל — די פישעלעכ —
אפ די גרינע קישעלעכ!
האַלט דעמ אָטעמ אײַנ, דו ווינט!
אײַ־ליו־ליו־ליו! שלאָפ, מײַנ קינד!

5

ס'נעסטל ווייכ אויסגעבעט,
די שנעבעלעכ שוינ אָפגעגלעט,
שטיל, די אויגעלעכ — פארמאכט!
פויגעלעכ, א גוטע נאכט!

דאָס קעלבעלע אינ שטעלעכל
נורעט אײַנ דאָס פעלעכל
אינעמ שטרוי, ס'זאָל וואַרעמ זײַנ,
שלאָפט עס אײַנ, שלאָפט עס אײַנ!

ס׳ליגט דאָס הינטל שטיל אינ בויד,
אונ דאָס-העזל אינעמ קרויט,
אינ שטאל באמ קליינעמ פערדעלע, —
ס׳ציגל מיטנ בערדעלע!

אויכ די קאצ, שוינ אָפּגעלעקט,
אפנ אויוונ — אויסגעשטרעקט,
אינעמ קוימענ זינגט די גריל
זיכ א וויג-ליד אינ דער שטיל...

קיינ געטומל, קיינ געווימל,
די לעוואָנע שווימט אינ הימל!
שטערנדלעכ — זיי רוקנ זיכ,
זיי זעענ דיכ אונ גריסנ דיכ!

6

פֿײַנער דופֿט פֿונ גערטל ציט,
שטײט א רויטער מאָנ, צעבליט!
אונטער דער שויב — א רויטע פאָנ!
עס קוקט ארײַנ דער רויטער מאָנ!
שנעל דיכ, קינד מײַנס, צוגעדעקט,
קײנ פּיסעלע ארויסגעשטעקט!..
עס איז קיל, און ס׳איז שוינ שפּעט.
און ווענ דער רויטער מאָנ דערזעט
א נאַקעט פּיסעלע באנאכט?
דער רויטער מאָנ וואָלט רויט געלאכט...

מע וואָלט דערהערט אינ טויבנשלאק!
און די טויב — א פֿלוידערזאק!
מאָרגנ פֿרי די טויב זיכ אײַלט
און אלע פֿויגעלעכ פארצײלט!
מע קאָנ דאָכ נישט אזוינס פארשווײַגנ:
ציפּ־ציפּ־ציפּ! אַפּ אלע צווײַגנ.
א נאַקעט פּיסל, עפּשער צווײ?
אײַ־אײַ־אײַ! אײַ־אײַ־אײַ!

אפן גרינעם בערגעלע
וואקסט א יונג בוימעלע
וויל דאָס בוימעלע נישט שלאָפן!

די לעוואָנע טוט עס שטראָפן:
צײַט צו דרעמלען, בוימעלע,
אפן גרינעם בערגעלע!

אזוי זאָגן אויך די שטערן,
נאָר דאָס בוימל וויל נישט הערן!
וויל נישט צומאכן די אויגן!

איז א ווינטל צוגעפלויגן:
בוימל, בוימל, רויק זײַן!
און שאָקלט עס און וויגט עס אײַן!

וויגט אהער, וויגט אהין,
שלאָפן מוז א בוימל גרין!

דרימלט איַין דאָס בוימעלע
אפֿן גרינעם בערגעלע;
אפֿן גרינעם בערגעלע
דרימלט איַין דאָס בוימעלע!

ווינטער־צײַט

שלאָפ, מײַנ קינד, עס איז שוינ שפּעט!
ווינטערמאנ אינ דרויסנ טרעט!

אינ ווײַסנ מאנטל טרעט דער גרײַז,
פּאַרבט אונדז אלע דעכער ווײַס!

אפנ פריש געווײַסטנ דאכ·
שטייענ קראָענ נאָכ א סאכ!

אונ זיי קראקענ: קרא־קרא־קרא...
אונ אײַנגעשלאָפנ אלע, שא!

שפּילן

באָל־שפּיל

1

צו דער וואַנט!
שפּרינג צוריק!
אין אויגנבליק
צו דער וואַנט!

צו דער וואַנט!
צוריק צו מיר!
איינס און צוויי,
דרײַ און פיר!

פינף און זעקס,
שטאַרקער קלאַפּ!
איך וואַרף און כאַפּ,
וואַרף און כאַפּ!

אַהין — צוריק!
זיבן, אַכט!
דאָס מײַסטערשטיק
איז אָפּגעמאַכט!

2

בעלעכל, בעלעכל! צו דער וואנט,
איכ — א פעטשל מיט דער האנט,
אונ געכאפט אינ אויגנבליק!

צינד פאמש איכ נאָכ איינס אונ צוויי
אונ שפרינג אונטער נאָכ דערבײַ
אונ כאפ דיכ, בעלעכל, צוריק!

3

צינד מיט קויעכ
צום באלקנ הויכ!
צוריק אראָפ
אונ שלאָג זיכ אָפ
קאפויר אונ שפרינג
צום באלקנ פלינק!
אונ צו דער ערד
צוריקגעקערט!
ארופ — אראָפ!
אראָפ — ארופ!
איכ כאפ דיכ
אינדערלופטנ אופ!

4

צו דער ערד! צו דער ערד!
צו דער האַנט צוריקגעקערט!
דו שפּרינג, — איך שלאָג, —
דו ווײַטער יאָג!
דו קאַרג קײנ מי,
אלצ ווײַטער פלי!

5

איך צו דיר,
דו צו מיר!
אונ צינד נאָכאמאָל, ווי פריִער!
פונ מיר א גרוס,
פונ דיר א גרוס!
אזוי פליט עס אָנ א שיר!

דיר געשענקט,
צו מיר געלענקט!
אײנס אונ צװײ, דרײַ אונ פיר!
אונ נישט געטראַכט,
נאָר שנעל געמאַכט!
פינפ, זעקס, זיבנ, אַכט!

מיט פעסטנ בליק —
אהינ־צוריק
דערגייט ביז צענ —
א מייסטערשטיק!

6

מיט דער לינקער האנט געקלאפט,
מיט דער רעכטער האנט געכאפט!

מיט דער רעכטערווארפט זיכ פלינקער,
מוז מענ כאפנ מיט דער לינקער!



צינדערט גייט שוינ גאָר נישט שלעכט, —
רעכטס אונ לינקס גלייכ בארעכט:

אונ עס גייט אלצ פלינקער, פלינקער!
מיט דער רעכטער, מיט דער לינקער!

7

אפ אלע זייטנ פונ דער וועלט
דריי איכ מיכ מיט דיר ארומ,
אונ איכ ווארפ דיכ אינדערלופטנ
אונ איכ כאפ דיכ אומעטומ!

אפ אלע זײַטנ ווארפ איכ דיכ!
מיזרעכ, מײַרעוו, צאָפנ, דאָרעמ!
וויל איכ, גײסטו דורכ אנ אָרעמ,
וויל איכ, גײסטו דורכ די קני!



נאָר געפלויגנ, נאָר געפלויגנ,
יאָג איכ דורכנ עלנבויגנ,
צי איכ יאָג דיכ דורכ די קני —
פלי נאָר, פלי!

8

פלינקער! פלינקער! ריר זיכ, ריר!
איכ — צו דיר אונ דו — צו מיר!
צו דער זעלבער צײַט געקלאפט;
אינ דער זעלבער צײַט געכאפט!
א פויגל פליט פונ האנט צו האנט,
אזוי שפילנ מיר באנאנד!
אונ דערשפילנ מיר ביז צענ,
וועט א מײַסטערשטיק געשענ!

באלאגערונג

מאכט א ראָד, פלינק א ראָד:
מיר באלאגערן א שטאָט!
שוועבן, שוועבן! שוועבן, שוועבן!
די פעסטונג מוז זיך אונטערגעבן!

אָפּגעשטעלט זיך! העלד בא העלד!
פײַלנבויגן אויסגעשטעלט!
א צי, א לאָז — פליט די פײַל,
טרעפט זי אפּ א גאנצע מײַל!

צינד זאָל שאלן די טראָמפּייט,
פון דער קעסל־פויק באגלייט:
טרא־רא־רא! בום־בום־בום!
פעסטער נעמט די שטאָט ארום!

אײַנגעפאלן איז דער מויער:
ארײַנגעריסן זיך אין טויער!
בום־בום! טארא, טארא!
הורא! הורא! הורא!

יעגער־ אונ האָזנ־שפּיל

די ראָד

(ארומ קינד, וואָס שטייט אינ דער מיט מיט פארבונדענע אויגעלעכ).

ניִשט געשרעקט זיכ, העזלעכ־קינדער!
זעט, דער יעגער איז א בלינדער!
שיינ א יעגערל אזא!
כא־כא־כא! כא־כא־כא!
מיט די הענטלעכ טוט ער טאפּנ,
נייִנ, ער וועט קיינ העזל כאפּנ!

דער יעגער

(כאפּט עמעצנ)

איכ האָב עמעצנ דערטאפּט!

שפּיל־פירער

אָבער וועמענ אָנגעכאפּט?
זאָג אונדז שנעל, אויב דו ווייסט,
ווי ס׳געכאפּטע העזל הייסט?

(אז דער יעגער טרעפט ניִשט)

נייִנ־נייִנ־נייִנ! צומ ערשטנ מאָל!

(אז דער יעגער פעלט ווידער)

נייִנ-נייִנ-נייִנ! צומ צווייטנ מאָל!

(אז ווידער ניִשט געטראָפנ)

צומ לעצטנ מאָל — צומ דריטנ מאָל!
נישט געטראָפנ, נישט געטראָפנ!
דרײַ מאָל פעלנ איז צופיל,
אפסנײַ מוז גיינ די שפיל!
אונ איר, העזלעכ, זיכ צעלאָפנ,
זיכ צעשפרייט אפ בארג אונ טאָל!
לויפט נאָר שנעלער, לײַכטער, גרינגער,
אפ די שפיצנ פונ די פינגער...

(צומ יעגער)

גווילעמ, שטיי נישט אפ אנ אָרט!
א העזל דאָ, א העזל דאָרט!
לויפ, טאפ,
יאָג אונ כאפ,
עפשער וועסטו טרעפנ פאָרט!

(עס כאזערט זיכ איבער ביז דער יעגער טרעפט).

יעגער

איכ האָב דערטאפט!

שפיל-פירער

אָבער וועמענ אָנגעכאפט?

(יעגער זאָגט)

שפיל-פירער

ער האָט דערשפירט מיטנ נעזל,
פונ יעגער ווערט א העזל,
אונ פונ העזעלע — פארקערט...
אונ די שפיל — נישט אופגעהערט!

א רעטעניש

אלע זייגערס ווײַזן די שטונדן גייענדיק.
וועלכע ווײַזן שטייענדיק? (דער זון־זייגער)
זאָג מיר נאָך אצינד,
וועלכער זייגער רינט? (א זאמד־זייגער)
פאראן זייגערס, וואָס קלינגען,
אנדערע שפּילן, נאָך אנדערע זינגען,
עלעקטרישע שפּרינגען!
פאראן א זייגער, וואָס צו דער סעקונדע,
קומט ארויס א קוקו יעדע שטונדע
און מאכט קו־קו, קו־קו! צוויי, דרײַ מאָל,
און נאָך מיט קונצן אָן א צאָל!

הינטעלע
ציקעלע
העזעלע



דאָס הינטעלע

דאָס קלײנע הינטעלע איז דומ,
דרײט זיכ אַלץ אַרומ אונ אַרומ,
וויל זײַנ אײגענעמ שאָטנ כאַפּנ
אונ ער קאָנ אימ נישט דערטאַפּנ!

די טויבנ

טײַבעלעכ פליִענ אינ זונענ־גלאנצ...
פלעכט זיכ, פלעכט, טויבנ־קראנצ!
שווארצ אונ ווײַס, אראָפ, ארופ —
שפּילט אײַכ, טוקט אײַכ אָנ א כאָפּ!



טויבן אין טויבנשלאק

1

ווערט נאָר טאָג אין טויבן־הויז —
פליגל קלאפּן: לאָזט ארויס!
קוים זיך אופגעכאפּט פון דרימל,
שוין א בענקעניש צום הימל!
ווור, ווור, וואר, וואר, וואר!
לענגער זיצן איז א צאר!

אופגעמאכט דעם טויבנשלאק,
און ארויס — סאק און פּאק!
וויגט זיך, וויגט אין זונען־גלאנץ,
שטיפט און שפּילט דער טויבן־קראנץ.
פּרו־פּרו־פּרו! פּרו־פּרו־פּרו!
פריי די וועלט, דער הימל בלאָ!

גענוג דאָס טויבנ־הארצ געקוויקט,
גענוג איב לופטנ זיכ געטיקט!
דענ די זונ שוינ אונטערגייט
אונ קערנדלעכ שוינ אפנ ברעט!
ווייצ אונ וויקע, ווייצ אונ וויקע!
פיקע־פיקע! פיקע־פיקע־פיקע!

2

אונ ציגד אריַנ, הוש־הוש־הוש!
שיקט דער זונ דעמ לעצטנ קוש!
צומ הימל נאָכ א בליק געכאפט,
דער טויבנשלאק ווערט צוגעקלאפט!
דורכ דער צוגעמאכטער טיר:
וואר־וואר־וואר! וויר־וויר־וויר!

ווערט געפלוישט, ווערט פארציילט,
ווז געוועזנ, ווז געוויַלט,
וואָס איב הימל, וואָס אפ דר׳ערד,
וואָס א טויב נאָר זעט אונ הערט!
ברומ־ברומ! ברומ־ברומ־ברומ!
פארנ שלאָפנ א געברומ!



ציקעלע

מײַן ציקעלע אין שטעלעכל
ציטערט מיטן פעלעכל.
באַלד פרימאָרגן אופגעוועקט,
און ווי טרויעריק עס בלעקט
בלע.. בלע...

מײַן ציקעלע, מײַן ציקעלע,
צוקער ווילסטו א שטיקעלע?
פון דער האַנט עס צוקער לעקט
און נאָך טרויעריקער געבלעקט
בלע... בלע...

ס׳האָט מײַן ציקעלע דערפילט,
אז די זון אין דרויסן שפילט,
ס׳האָט די זומער־לופט דערשמעקט
און דערום עס טרויעריק בלעקט
בלע... בלע...

אוי, גוט, אוי, גוט! איך עפן דיר!
ציקעלע, ארויס פון טיר,
ס׳האָט דײַן טפיסע זיך געעקט!
ווי מײַן ציקל פרייִלעך בלעקט
בלע.. בלע...

ענטלעכ

זעט באָר, זעט, ענטלעכ שווימעב,
ענטלעכ שווימעב אפב טײַכ,
מיט די קעפּלעכ אינעמ וואסער,
מיט די עקלעכ איב דער הייכ!

אז געבוג זיכ אָפּגעבאָדב
אוב די קעפּלעכ אָפּגעטוקט, —
צו דער פרישער גרינער לאָנקע
זיכ פוב טײַכ ארויסגעריקט!

אפּ דער פרישער גרינער לאָנקע
מאכב ענטלעכ א שפּאציר,
זיכ אהער, אהינ געוואקלט
אפב ענטישב מאניר!

אפֿ דער טריקעניש צו גייִנ
איז דאָס ענטל נישט געשיקט.
הוש! אונ באַלד צוריק צום וואַסער,
זיכ געבאָדנ אונ געטיקט!

די בין

1

בינעלע! בינעלע קוקט זיך נישט אום!
נאָר זום, זום, זום! זום, זום, זום!
פון קווייט צו קווייט געפליגן ראש,
דאָ א זופ, דאָרט א נאש!
ס'קעפל טיף ארייַנגעשטעקט,
און נאָך א טראָפן אויסגעלעקט...
און פול, — אהיים געפליגן ווערט,
און דעם אויצער אויסגעלערט.
דערפון דער האָניק ווערט געמאכט
אויסגעלערט, נישט לאנג געטראכט —
און ארויס: דער טאָג — נאָך גרויס;
און שטענדיק אלץ: ארייַנ־ארויס!

2

בינעלע, בינעלע — זום, זום, זום!
און פליט ארום פון בלום-צו בלום,
פון בלום צו בלום, פון קווייט צו קווייט
און זויגט זיך אויס די פליסיקייט.

בינעלע, האָפּ! בינעלע, האָפּ!
שנעל אינעם בעכער אריין מיטן קאָפּ!
דערנאָך אהיים און האָניק מאַך, —
האָניק איז א גוטע זאַך!

3

בינעלע, בינעלע, האָניק מאַך!
נאָר דעם בינענשטאָק באַוואַך!
פאַר[illegible] א בער, פאַראַן א בער,
וואָס ער ליבט דעם האָניק זייער!

ווען ער א בינענשטאָק דערשמעקט —
א שפרונג! די צונג — ארויסגעשטעקט!
פליגט, ארויס! בינען, ארויס!
דעם גאזלען שטעכט די אויגן אויס!

דאָס העזעלע

ליגט א העזעלע אין קרויט,
העזל קיינעם נישט געטרויט;
שלאָפט, קיין אויג נישט צוגעמאכט,—
יעגער נאָך זיין לעבן טראכט!

יעגער שטיל אין פעלד זיך שלייכט,
ביז ער האָט דאָס קרויט דערגרייכט.
פיף־פאף! נישט געטראָפן!
לאנג דאָס העזל שוין אנטלאָפן!

ס׳האָט דערשמעקט אים מיטן נעזל,
ערגעץ אנדערש שלאָפט דאָס העזל,
שלאָפט, קיין אויג נישט צוגעמאכט.
העזלע, א גוטע נאכט!

יעגערל נישט שיסן וויל,
אָפּגעגאנגען אין דער שטיל!
נאָך זיין לעבן מער נישט טראכט,
א גוטע נאכט! א גוטע נאכט!

דער פראָש

קוואקעמאנ — דיק אונ ברייט,
מיט דער קײַלעכדיקער באָז,
געמיטלעכ זיצט אָוונט־צײַט
אפנ פרישנ, גרינעמ גראָז!
זיצט זיכ גלאנציק ווי א ליאק,
זינגט זיכ: קווא, קוואקא, קוואק!

א גאנצנ טאָג זיכ אָנגעמיט,
איז שוינ צײַט צו שלאָפנ גיינ, —
זינגט ער זיכ זײַנ אָוונט־ליד,
אונ ער מיינט, ס׳איז ווּנדער־שיינ...
אונ ער בלאָזט זיכ, ווי א זאק:
קווא, קווא, קווא! קוואקע — קוואק!

ער מיינט, די זונ, וואָס אונטערגייט,
מיט גרויס גענוס זײַנ לידל הערט,
און קעדיי זי אימ נאָכ בעסער זעט,
צו דער זונ זיכ אומגעקערט
מיטנ גלאנציק גרינעמ פראק —
קווא, קווא, קוואק! קוואקע — קוואק!



אפּן פּערדל



1

אפֿן פֿערדל פֿאַרן שלאָף

— פֿערדעלע, שפּאַן! פֿערדעלע, שפּאַן!
רײַטן וויל מײַן רײַטערמאַן!
געריטן און — געבליבן שטיין,
ס'פֿערדל וויל נישט ווײַטער גיין!

— וואָס האָסטו, פֿערדעלע, דערזען,
וואָס דו ווילסט נישט ווײַטער גיין?
— אַ וואַסערל! איך וויל אַ טרונק!
פּויע איך זאָג דאָס פֿערדל פֿלינק!

— ווײַטער, ווײַטער, ווײַטער רײַט!
געריטן אָפּ אַ היפּשע צײַט,
געריטן און — געבליבן שטיין,
ס'פֿערדל וויל נישט ווײַטער גיין!

— וואָס האָסטו, פּערדעלע, דערזענ,
וואָס דו ווילסט נישט ווײַטער גייִנ?
— אוי, א לאָנקע צופּט אינ נעזל.
— כאַפּ א גרעזל, צופּ א גרעזל!

אָפּגעגעסנ? ווײַטער רײַט!
געריטנ אָפּ א היפּשע צײַט!
געריטנ אונ געבליבנ שטייִנ, —
ס׳פּערדל וויל נישט ווײַטער גייִנ!

— וואָס האָסטו, פּערדעלע, דערזענ,
וואָס דו ווילסט נישט ווײַטער גייִנ?
— א שלאָגבאַנ! א שלאָגבאַנ!
אינ בעט ארײַנ, דו רײַטערמאַנ!



דער יעגער

יאנקעלע וויל א יעגער זײַנ,
יאנקעלע וויל אינ וואלד אריַינ,
שיסנ וויל ער נאָר א בער!
— ווּו נעמט מענ געווער?

אונדזער יאנקעלע דערזעט —
אינ א ווינקעלע א בעזעמ שטייט!
מיטנ בעזעמ וועט ער יאָגנ,
אונ א גרויסנ בער דערשלאָגנ!
ער קאָנ אינ שטוב שוינ מער נישט בלײַבנ!
וויל דעמ בעזעמ אונטערהייבנ,
שווערער בעזעמ קערט זיכ איבער
אונ דער יעגער פאלט אריבער!

נישט קיינ בער אונ נישט קיינ האָז,
אונ צעשלאָגנ זיכ די נאָז!
ער וויל שוינ נישט אינ וואלד אריַינ,
ער וויל שוינ נישט קיינ יעגער זײַנ!

עטעלע

זאָג מיר, עטעלע, מײַן גאָלד,
וואָס האָסטו פײַנט, וואָס האָסטו האָלט?
בלײַבט זי שטיין, ווי צעמישט,
עטל שווײַגט און ענטפֿערט נישט.
דאָך ווייסן אַלע, ווי מיר שײַנט,
וואָס עטעלע האָט ליב און פײַנט!

ליב האָט אונדזער עטעלע
צו ליגן לאַנג אין בעטעלע.
פֿײַנט האָט זי גאָר אויפֿצושטיין,
אויך באַנאַכט דאָס שלאָפֿן גיין...

ליב האָט עטעלע צו נאַשן,
פֿײַנט — דאָס פּעניעמל צו וואַשן.
קנאַקן ניסלעך? גאָר נישט פֿויל;
פֿײַנט צו שווענקען אויס דאָס מויל!

אויך ליבט זי זייער פּוטער־זעמל
און קאָן נישט אָנקוקן דאָס קעמל.
לערנען — מאָרגן, נאָר נישט הײַנט!
דאָס איז אַלעס, ווי מיר שײַנט!

קאצ
אונ
מייז

ווּ דאָס מײַזל וווינט



איכ פרעג דאָס מײַזל:
— ווּ איז דײַנ הײַזל?
אונ דאָס מײַזל ענטפערט מיר:
— איכ האָב נישט קיינ סאָד פאר דיר!
נאָר דער קאַצ דו זאָג נישט אויס,
דאָס ווערגעלע ווייסט נאָר — כיק!
כאָטש צומ גליק
איכ בינ א מײַזעלע א פלינקס!
זעסטו, דאָרט אינ ווינקל, לינקס
אונ דערנאָכטנ רעכטס א ביסל,
איינ טריט גלײַכ, צוויי טריט קרומ.
אונ אינ דער ברייט, אונ קוק זיכ אומ,
ווּעסטו זענ א טירל קליינ,
דאָרטנ איז דאָס הײַזל מײַנ!
עס ליגט א בערגעלע דערופּ!
א טרעפּ אראָפּ אונ דרײַ ארופּ,
אונ אפּ לינקס נאָכ א טרעפּל —
אונ דו ביסט א גאַסט בא מיר.
נאָר געדענק, בויג אײַנ דאָס קעפּל,
ווײַל ס'איז נידעריק די טיר.





קאצ און מויז

די קאצ איז אינ שטוב אליינ,
ליגט אפנ קוימענ, לעקט זיכ און וואשט:
א וויַסע קאצ — קוימ עפעס גענאשט —
לעקט זי זיכ אָפ און וואשט זיכ ריינ...
אָפגעלעקט און אויסגעצויגנ,
מיט יאכעס פינקלענ אירע אויגנ;
מע ו.עט דערקענענ? — וועט זי שווערנ!
(וועט מענ דארפנ — פעלט קיינ טרערנ!)
„איכ — געקעכצ?!
כ׳זאָל אזוי ניט וויסנ פונ קיינ שלעכטס!
דאָס איז פאר מיַינ שוואכ מעגעלע סאמ
ס׳היבטל, מינאסטאמ!

טפו, טפו! — וועט זי טאָן א שפּײַ —,
און מיטן קעפּל: אײַ, אײַ, אײַ,
וואָס א בייז הינטל קען!
נישט צו באַשרײַבן מיט קיין פּען!״
אזוי דאָס אַטלעס־ווײַסע קעצל טראַכט.
פלוצלינג — אין אויג א פּינקל!
פון ערגעץ — אהא, פון רעכטן ווינקל: —
האָט א מײַזל שטיל א פּיפּצ געמאַכט!
אלזאָ, איז עס דאָרט?!
און אפּסנײַ זיך באַלעקט
און ארויף פון הויכן אָרט,
צום ווינקל־צו זיך אויסגעשטרעקט,
א ביסל אַפּ דער זײַט, א ביסל קאַפּויער,
און אויסגעשפּיצט דאָס אויער!
„פּיפּצ״ — דאָס אויער האָט נישט גענאַרט,
ליגט די קאַץ שטיל, פאַרשטאַרט
און וואַרט:
דאָ וועט עס זײַן צווישן די שפּאַלטן!

ליגט, ׳ ,מ אָטעמ אײַנגעהאלטנ,
א מינוט, צװײ, עפשער נאָכ,—
קײנ צײכנ מער פונ מײַזנ־לאָכ...
„דערפילט!״—
מאכט זי צערטלעכ, הארציק־שטיל:
„מײַזעלע שפּאצירנ װיל?״
אונ עס שפּילט
איר א הארפּע אינ דער קעל!
„מײַזעלע װיל צוקער־מעל?—
אפּנ דיל איז אויסגעשיט!״
מײַזל־לעכל ענטפערט ניט!
...יט, װי פונ א טויבנ־הארצ, א ברומ:
„מײַזעלע, שפּאצירנ קומ!
א זונ — א מעכײַע!״
— װעסט נישט פויעלנ, װילדע כײַע!—
פּיפּצט מענ איר פונ מײַזנ־לאָכ:—

ערשט געגעסט, ווילסטו נאָך?
און מע לאַכט: קראַץ־ווערגעלע
וויל אָנכאַפּן באַם געגרעלע? —
אַ פּײַג, אַ פּײַג!
אַלטע כוינעפּטע, פאַרשווײַג!
און די קאַץ: „כאַסוועשאָלעם!
נישט קיין פּיסרען, נישט קיין כאָלעם!
כ׳עס קיין פלייש, גאָט ווייסט, ווי לאַנג!
ווייסט איר דען נישט? איך בין קראַנק!
איר ווייסט נישט? ניין?
קומט און זעט: הויט און ביין!
און אין האַרץ שטעכט אַזוי!
אוי־אוי־אוי! אוי־אוי־אוי!
איך אַליין שוין שטאַרבן וויל!"
אין מײַזל־לעכל ווערט שוין שטיל...

הערט די קאַץ נישט אויף צו קלאָגן:
„זאָל עמעץ מיט מיר ווידער זאָגן!
כ'הייב דאָך די נעשאָמע אויס!"...
פון לעכל קיינער קומט אַרויס...
אַ מיצווע וואָלט געווען געוויס...
דאָך קיינער וואַגט אַרויסצוגיין...
אַ ראַכמאָנעס, דאָך אַ קאַץ!
אַ געפאַר אויך, ווען זי עקט!
גויסעט, — און זי גיט אַ קראַץ,
שוין אַ מײַזל — אויסגעשטרעקט!

די קאָמעדיע ווערט געשטײַגערט:
— קומט, דערלעבט כאָטש אַ נעקאָמע!
ס'איז אײַער קאַץ געפּייגערט!
ניט איך רייד, נאָר מײַן נעשאָמע!
ברענגט מיך כאָטש צו דער אַדאָמע!
כ'האָב געזינדיקט, איך ווייס אַליין,
נאָר וואַרפט מיך ניט אין מיסט אַרײַן!

דאָס מײַזנ־הארצ עס האַלט נישט אויס,
אַלע — ארויס!
א לעווײַע מאכנ, א קייווער גראָבנ!
א מײַזל וויל א מיצווע האָבנ!
אונ מע זעט דאָב: אויסגעשטרעקט!
ווירקלע ײַט די קאַץ געעקט!
פּאָרט א נעפעש, פּאָרט א שאָד!
מע מאכט ארומ דער קאַצ א ראָד,
מע מאכט דאָס רעדל ענג ײ ינגער
אונ מיט א זיפצ אונ מיט , יך
אונדזער קעצל וואַרט נישט ,ענגער,
א שפּרונג אהינ, א שפּרונג אהער...
וואָס האָט איר, קינדערלעכ, צו זאָרגנ, —
אוואדע מײַזלעכ צענ דערוואָרגנ!



אונ איר, קינדערלעכ, פארשרײַבט
אינ די העפטנ אָט דעמ זאצ:
קיינ פרומער קאָצ
נישט געגלויבט!

אינהאלט:

זײַט

פון פארלאג 5

פיר צײַטן פון יאָר

פרילינג 9

אינעם פרישן גרינעם מײַ... 11

דער פויגל 12

קראנצן פלעכטן 13

דער שיפער 14

שטייט א בארנבוים 15

הארבסט 16

אין שליטן צו די עסקימאָסן 19

ווינטער 20

ארבעט

דער סקולפטאָר 29

דער סטאָליער 30

דער שמיד 31

די וועשן 32

דאָס גערטל 34

וויג-לידער

שטייט א בוימעלע אין פעלד... 39

ווינטער-צײַט 46

שפילן

באָל-שפיל 49

באלאנסירונג 54

יעגער- און האָזן-שפיל 57

א רעטעניש 59

הינטעלע, ציקעלע, העזעלע

דאָס הינטעלע 63

די טויבן 64

טויבן אין טויבנשלאק 67
ציקעלע 69
ענטלעך 70
די בין 72
דאָס העזעלע 75
דער פראָש 76

אפן פערדל

אפן פערדל פארן שלאָף 81
דער יעגער 83
עסעלע 84

קאַץ און מויז

ווי דאָס מײַזל וויינט 89
קאַץ און מויז 90

Рисунки художника А. Короткина
Редактор—Л. Гольдберг
Технический редактор—М. Погостер
Корректор — А. Кенигсберг
Сдано в набор 27|IV—1937 г.
Подписано к печати 27|VI—1937 г.
Ф. б. 72Х105¹|₁₆. 6¹/₄ п. л.
Уполном Главлита Б—9924
Цена 6 р. 25 коп.
Переплет 1 р. 75 коп.
Тип. „Дер Эмес", Москва, Покровка, 9.
„Эмес" 55. зак № 350.
Тираж 5.000

Цена 7 р. 25 коп.

И. Л. ПЕРЕЦ

СТИХИ

для

ДЕТЕЙ

Издательство «Эмес»
Москва ★ 1937